פרשת שלח קרח באר״י ||| שנת תשפ״ו לפ״ק ||| גליון קנ״ו

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט״א

״להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים״
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט״א
באידיש

א בר אבטח
ד אור העיינים
ח נקודה למחשבה

## בר אבטח

### לא בשוקי האיש ירצה;
מ׳זעט דאָך אַז צומאָל העלפט יאָ השתדלות ביי אַנדערע מענטשן?

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור ע״ה, יום ראשון פרשת חיי שרה, כ״א חשון תשפ״א.

חלק א׳

א

## הרבה שלוחים למקום; מיר קענען אויסקלויבן ׳וויאַזוי׳ דאָס געלט זאָל קומען

### ווען השתדלות האָט יאָ געברענגט רעזולטאַטן

אין דעם פריערדיגן שיעור האָבן מיר געלערנט וואָס דער הייליגער **תפארת שלמה** זאָגט אויפ׳ן פסוק: **׳טוב לחסות בה׳ מבטוח באדם׳** - אַז די וועג וויאַזוי מ׳קען זוכה זיין צו ווערן אַ ריכטיגער חוסה בהקב״ה, איז נאָכדעם וואָס מ׳האָט זיך יאָ בוטח געווען אין מענטשן, **און מ׳האָט געזען אַז זיי קענען גאָרנישט העלפן**. דאָס ברענגט אַז מ׳זאָל גוט דערהערן אַז נאר השי״ת קען אונז העלפן.

די בעסטע וועג וויאַזוי זיך אויסצולערנען אַז קיינער קען אונז גאָרנישט טון נאר דער אויבערשטער, איז **דורך צוריקקוקן אויפ׳ן עבר** און באַמערקן וויפיל מאָל מ׳האָט זיך איינגערעדט אַז השתדלות וועט העלפן, און וויפיל מאָל מ׳האָט געאַרבעט שווער אַז איינער זאָל טון אַ טובה, און ס׳איז גאָרנישט געוואָרן דערפון.

למעשה איז אָבער דאָ צומאָל ווען דער מענטש האָט פרובירט אַז אַ צווייטער זאָל אים העלפן, און ס׳האָט פאַקטיש געברענגט גוטע רעזולטאַטן... **ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע הצלחה אַדאַנק די פראָטעקציע וואָס יענער האָט אים צוגעשטעלט.** דאָס ברענגט אַ גרויסן נסיון צו שפירן אַז השתדלות העלפט יאָ. דער מענטש טראַכט צו זיך: ״ס׳העלפט טאַקע נישט אַלעמאָל, אָבער אַסאַך מאָל ווען מ׳בעט יענעם, און מען שטופּט זאַכן גאָר שטאַרק, גייט עס דורך, און מ׳האָט אַ שטאַרקע הצלחה.״ עס פאָדערט זיך דעריבער אָפּצולערנען ריכטיג די זאַך, ווייל דאָס איז אַ שטאַרקע סיבה וואָס שוואַכט אָפּ אונזער אמונה אינעם אויבערשטן.

### די רביצין גייט נעמען דאָס געלט

נאָך דער חתונה פון הרה״ק רבי **שלמה׳קע מזוועהיל** זי״ע האָט זיין פאָטער, הרה״ק רבי **מרדכי** זי״ע, אים אויסגעהאַלטן. יעדע שטיק צייט פלעגט די רביצין פון ר׳ שלמה׳קע גיין צו איר שווער, און ער האָט געגעבן תמיכה אַז זיין זון זאָל ווייטער קענען זיצן על התורה ועל העבודה.

איינמאָל האָט ר׳ שלמה׳קע געזאָגט פאַר זיין רביצין: ״וואָס דאַרפסטו אַלעמאָל גיין צו מיין טאַטע נעמען געלט? דער אויבערשטער איז דאָך אַ זן ומפרנס. גיי נישט צו קיינעם, און **לאָמיר זיך פאַרלאָזן אויפ׳ן אויבערשטן** אַז ער וועט שוין שיקן דאָס געלט״.

די רביצין האָט טאַקע געפאָלגט. ס׳איז אַריבער אַ וואָך, צוויי וואָכן, און ס׳איז נישטאָ קיין געלט. זיי האָבן פרובירט זיך מצמצם צו זיין דאָס מערסטע וואָס מ׳האָט געקענט, אָבער ס׳איז געקומען צו אַ פונקט וואָס די רביצין האָט זיך באַקלאָגט פאַר ר׳ שלמה׳קע: ״וואָס וועט זיין? מ׳קען שוין נישט אַזוי ווייטער אָנגיין?״, האָט ער געזאָגט: ״נו נו, אַז דו ווילסט, קענסטו גיין״.

זי איז טאַקע געגאַנגען צום שווער און ער האָט איר געגעבן אַ מטבע. ווען זי איז אַהיימגעקומען מיט׳ן געלט, האָט ר׳ שלמה׳קע איר געפרעגט צי זי געדענקט פונקטליך וויפיל אַזייגער ס׳איז געווען ווען איר טאַטע האָט איר געגעבן די מטבע. און זי האָט אים טאַקע געזאָגט די גענויע צייט ווען דאָס איז געווען.

### דער אויבערשטער גיט נישט צוויי מאָל...

האָט ר׳ שלמה׳קע געזאָגט: איך וועל דיר פאַרציילן אַ שיינע זאַך וואָס דאָ איז געשען... ס׳איז געקומען אַ גרויסער גביר צו מיין פאָטער, און ער האָט אים געוואָלט געבן אַ מטבע. האָט מיין טאַטע געזאָגט: ״איך האָב אַ זון ר׳ שלמה׳קע, גיי און גיב אים די מטבע וועסטו געהאָלפן ווערן״. דער גביר איז טאַקע געקומען צו מיר, און ער האָט אָנגעהויבן שמועסן האַלטנדיג די מטבע אין זיין האנט. בשעת מעשה האָט ער זיך געקווענקלט צי ער זאָל עס יאָ אָדער נישט געבן, און אַזוי רעדנדיג איז די מטבע צוריקגעגאַנגען ביי אים אין קעשענע און ער האָט עס מיר נישט געגעבן. **דאָס איז געווען פונקט אין דער זעלבער צייט ווען דו האסט באַקומען די מטבע!** אין יענער מינוט האָט דער גביר צוריקגעלייגט די מטבע אין זיין טאַש״...

רבי שלמה׳קע האָט אויסגעפירט: דער אויבערשטער גיט נישט צוויי מאָל. **דער אויבערשטער גיט נאר וואָס מ׳דאַרף.** מ׳קען זיך אויסוועלן: אָדער באַקומט מען עס גרינגערהייט, אַז איינער ברענגט עס אַריין אין שטוב. אָדער דאַרף מען זיין אַ נצרך און עס באַקומען דורך אַ

טרחא. צוליב דעם וואָס דו האסט אויסגעקליבן צו נעמען פון מיין פּאָטער, האָט דער גביר מחליט געווען אַז ער וועט צוריקלייגן די מטבע אין קעשענע...

### וועלכער סאָרט שליח? דאָס איז געוואָנדן אין אונז

אין דער מעשה ליגט די תשובה אויף דער אויבנדערמאַנטער שאלה. דאָס איז נישט נאר אַ מעשה פון רבי שלמה'קע זוועהילער, **נאר ביי יעדן איינציגסטן איד אַרבעט עס אויף אַזאַ סאָרט אופן.**

דער רבוש"ע שיקט שפע דורך שליחים. אַסאַך מענטשן באַקומען זייער שפע דורכדעם **וואָס מ'האַלט זיי אויס**, אַנדערע באַקומען דאָס געלט דורך **הלוואות**, און אַנדערע באַקומען עס דורך אַ מהלך אַז **זיי אַרבעטן פאר פרנסה און דער בעל הבית גיט זיי אַ וועכנטליכן געהאַלט.** עס זענען דאָ אַלע ערליי שליחים וויאַזוי דער אויבערשטער שיקט שפע. אפילו אויב רבי שלמה'קע וואָלט באַקומען די מטבע פונעם גביר, **וואָלט עס אויך געקומען דורך אַ שליח.** ס'האָט זיך נישט געעפנט אַ פענסטערל פון הימל פון וואו די מטבע איז אַראָפּגעפאַלן. נאר ס'איז געווען אַ שליח וואָס האָט געברענגט דאָס געלט.

דער אויבערשטער האָט אַסאַך שליחים. הרבה שלוחים למקום. דער חילוק איז נאָר, אַז אויב מ'האָט דעם ריכטיגן בטחון, דעמאָלט קען די שפע קומען דורך **אַזאַ סאָרט שליח וואָס ס'איז זייער קלאָר און קענטיג אַז דער אויבערשטער האָט עס געשיקט 'מידו הרחבה והמלאה'.** מען באַקומט די שפע אויף אַן אופן וואָס מ'דאַרף זיך נישט אָנשטרענגען. מ'דאַרף נישט דורכגיין קיין בושות, נאר ס'קומט גלייך אויפ'ן טיש.

אָבער אויב איז מען אויף אַ קלענערע מדריגה פון בטחון, מ'איז איינגערעדט אַז מ'דאַרף טון שטאַרקע השתדלות, **דעמאָלט וועט די שפע טאַקע נישט קומען אויף אַ גרינגען אופן.** מען וועט זיך דאַרפן מער אָנשטרענגען און אַרבעטן שווערער צו באַקומען די פרנסה.

### דאָס געלט וועט זיכער קומען, די שאלה איז נאָר: דורך וועמען?

רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האט באמת געשפירט אַז "דאָס געלט קומט נישט פון קיינעם, ס'איז באמת נאר דער אויבערשטער. נו, פּאַרוואָס דאַרף איך גיין בעטן געלט פון מיין טאַטע? מה לי הכא מה לי התם? **ס'איז דאך אַזויפיל זיכער און געשמאַקער אַז ס'זאָל קומען גלייך פונעם אויבערשטן אָן קיין טרחא**".

אָבער ווען ער האָט געזען אַז די רביצין איז נאָכנישט אויף דער מדריגה, האָט ער געטראַכט אַז ער טאָר איר נישט צוריקהאַלטן, **אָבער ער אַליין האָט קלאָר געוואוסט אַז דאָס געלט וועט קומען,** צי דורך דעם וועג אָדער דורך אַן אַנדערן וועג, און צוויי מאָל וועט עס זיכער נישט קומען.

דאָס איז אַלעמאָל די בחירה פונעם מענטש, צי ער וויל באַקומען זיין שפע אויף אַ אופן וואָס ס'איז דאָ אַביסל מער בושה און טירחא, אָדער ער וויל עס נעמען גרינגערהייט אָן די אַרומיגע שוועריקייטן. אָבער ס'איז זיכער אַז ס'וועט אָנקומען בכל אופן! **דער אויבערשטער וועט דיך זיכער מפרנס זיין!** ס'איז נישט פשט אַז אויב דער מענטש וועט עס נישט נעמען אויף דעם אופן פון טרחא, וועט עס נישט קומען. **חס ושלום!** אוודאי וועט עס קומען. ס'וועט נאר קומען אויף אַסאַך אַ בעסערן אופן.

### ס'איז קיינמאָל נישט געשען צוליב דיינע פעולות

צומאָל טוט דער מענטש שווערע השתדלות צו באַקומען עפעס פון אַנדערע, און ער טראַכט צו זיך: "איך האָב געטון אַ פעולה, איך האָב אים געשטופט, איך האָב אים דערמאַנט, און **זעסטו? ס'האָט מצליח געווען!** יענער געדענקט נישט וואָס מ'רעדט צו אים, האָב איך אים געדאַרפט דערמאַנען יעדע שעה נאָכאַמאָל. איך האָב אים דערמאַנט אַזויפיל מאָל ביז ער האָט עס ענדליך געטון ב"ה. שטעל זיך פאר אַז איך דערמאַן אים נישט? **נאָך אַ נס אַז איך האָב אים דערמאַנט הונדערט מאָל**... דאָס איז דער וועג מיט אים. ווען נישט וואָס איך דערמאַן אים אַזויפיל מאָל, וואָלט איך עס נישט באַקומען"...

אויב מ'וועט זיך גוט מתבונן זיין, וועט מען זען אַז **אַזויפיל מאָל איז עס פונקט פאַרקערט.** שוין נאָכ'ן דערמאַנען הונדערט מאָל האָט יענער למעשה פאַרגעסן. און אפילו אויב יענער האָט געדענקט, אָבער ער האָט נישט געקענט טרעפן דעם שליסל, אָדער האָט ער געמוזט לויפן ערגעץ אַנדערש... זיי זיך מתבונן אַז געוויינליך האָבן די אַלע פעולות פון השתדלות גאָרנישט געהאָלפן. דורכדעם וועסטו פאַרשטיין, אַז **אפילו אין די פעלער ווען ס'האָט יאָ געהאָלפן, איז עס נישט געשען צוליב דיינע דערמאַנונגען.** די זאַך וואָלט סייווי אָנגעקומען צו דיר אויף אַ גרינגערן אופן. נאר צוליב דעם וואָס דו האסט עס געטון אויף אַן אופן פון טרחא, איז עס טאַקע געקומען אויף דעם סאָרט מהלך. **דער מענטש האָט אַ בחירה אויף וועלכן אופן די שפע זאָל קומען צו אים.** אויב דו וואָלסט אויסגעקליבן דאָס צו באַקומען מידו הרחבה והמלאה, וואָלסטו עס באַקומען אַסאַך גרינגער.

ב

## ברכת ה' היא תעשיר, ולא יוסיף עצב עמה; אויב מ'דאַרף אַרבעטן שווער איז עס דער אומריכטיגער אַדרעס...

### געהאַקט האָלץ ביים שכן

אין ספר **בינת ישראל** (להרה"ק רבי ישראל מגראדזיסק זי"ע נכד רבי אלימלך מגראדזיסק זי"ע וחתן רבי אשר השני מסטאלין זי"ע) ווערט געברענגט אַ באַקאַנטער משל פון זיין זיידן, דער הייליגער **רוזשינער** זי"ע: אַ מענטש איז געגאַנגען אין וועג, ער איז געווען שטאַרק אויסגעמוטשעט און הונגעריג, ביז ער איז אָנגעקומען צו אַ דאָרף וואו ער האָט געהערט אַז דאָרט וואוינט אַ גוטער מענטש וואָס איז אַ גרויסער מכניס אורח. אָבער אָנקומענדיג אַהין, איז ער בטעות אַריינגעגאַנגען אין שטוב פון אַ צווייטן מענטש, וואָס איז געווען אַ גאַר שלעכטער קמצן. ווען ער האָט געפרעגט אויב ער קען באַקומען אַביסל עסן, האָט יענער געזאָגט: "אויב דו וועסט האַקן האָלץ פאר מיר, וועסט נאָכדעם באַקומען עסן".

דער אורח האָט זיך זייער געוואונדערט. ער האָט דאָך געהערט אַז דאָ וואוינט אַ גרויסער מכניס אורח וואָס יעדער רעדט אַזוי שיין פון אים, און דאָ הייסט ער אים האַקן האָלץ און אַרבעטן שווער פאר אַביסל עסן? האָט ער געטראַכט אַז אפשר וויל יענער נישט אַז ס'זאָל זיין 'נהמא דכיסופא', דערפאַר גיט ער אים צוערשט אַרבעט צו טון, כדי אַז מ'זאָל שפּירן ווי מ'האָב אַליין פאַרדינט דאָס עסן.

### דער מענטש האָט אַ בחירה אויף וועלכן אופן די שפע זאָל קומען צו אים

מיט זיינע לעצטע כוחות האָט ער טאַקע געהאַקט האָלץ און געאַרבעט שווער, זייענדיג הונגעריג און אויסגעמוטשעט פונעם וועג. ווען ער האָט ענדליך געענדיגט, פרעגט ער דעם בעל הבית: "וואו איז דאָס עסן?", זאָגט אים יענער: "אָהּ יעצט קענסטו עסן; גיי אַריין אין דעם דערנעבנדיגן הויז, דאָרט איז אָנגעגרייט עסן וויפיל דו ווילסט".

### געאַרבעט שווער אומזיסט...

ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אַהין, האָט אים דער אָרטיגער בעל הבית אויפגענומען בסבר פנים יפות און אים ברייטהאַרציג סערווירט, אינאיינעם מיט אַלע אורחים וואָס זענען דאָרט געזיצן. די

אורחים האָבן נישט אויפגעהערט רעדן וועגן דאָס גוטסקייט און די הכנסת אורחים פונעם בעל הבית, אַז ער טײלט מיט אַזאַ עין יפה. אָבער דער איד האָט זיך אַביסל באַקלאָגט: "מען באַקומט טאַקע עסן, אָבער ס'איז נישט אַזוי געשמאַק אַז מ'דאַרף אַרבעטן אַזוי ביטער שווער דאָס צו באַקומען". ווען די אורחים האָבן געקוקט אויף אים מיט וואונדער, נישט פאַרשטייענדיג וואָס ער רעדט, האָט ער געפרעגט: "איר האָט נישט געדאַרפט זיך מוטשן צו האַקן האָלץ פאַר דעם מכניס אורח?"

הערשט יעצט האָבן די אַרומיגע געכאַפּט וואָס דאָ האָט פּאַסירט. זיי האָבן אים מסביר געווען: "דו ביזט אַריין אין אַ צווייטן שטוב! יענער האָט דיר סתם אויסגענוצט; ווען דו האסט געענדיגט אַרבעטן פאַר יענעם האָט ער דיר געשיקט צו דער הכנסת אורחים וואו מען באַקומט אַלעס גענצליך אומזינסט! **דו דאַרפסט נישט האַקן קיין האָלץ צו קענען דאָ עסן!** ס'איז געווען אַן אומוויסנהייט פון דיין זייט. דו ביזט פשוט געגאַנגען צו דער אומריכטיגער אַדרעס."

## אַ מאמין בה' דאַרף זיך נישט פּלאָגן

האָט דער הייליגער רוזשינער געזאָגט דעם נמשל: **באמת גיט דער רבוש"ע פאַר יעדן מענטש אַלע זיינע באַדערפענישן אָן קיין שום פּלאָג** און מ'דאַרף זיך נישט מוטשן צו אַרבעטן שווער כדי דאָס צו באַקומען, אַזוי ווי מען בעט טאַקע אין אַסאַך תפלות אַז די פרנסה זאָל אָנקומען 'בנחת ולא בצער'. **דער סדר פון דער בריאה איז נישט אויסגעשטעלט אַז פרנסה זאָל קומען מיט שווערע הארעוואַניע.** (דאָס וואָס עס שטייט 'אדם לעמל יולד' (איוב ה, ז) גייט אַרויף אויף די יגיעה וואָס מ'דאַרף אַרבעטן שווער צו טון עבודת ה' אויפ'ן ריכטיגן אופן, אָבער נישט אַז די עמל ויגיעה זאָל זיין צו באַקומען פרנסה).

די פּראָבלעם ווערט נאָר, ווען דער מענטש האָט נישט דעם ריכטיגן בטחון און ער טראַכט אַז ער קען אַליין פאַרדינען געלט דורך 'כוחי ועוצם ידי'; דעמאָלט דאַרף ער זיך טאַקע פּלאָגן מיט אַלע כוחות צו באַקומען זיינע באַדערפענישן. אָבער ווען ער איז זוכה צו עפענען די אויגן און זען אַז אַלעס קומט פונעם אויבערשטן, דעמאָלט דאַרף ער שוין נישט די גאַנצע פּלאָג. **די שווערע אַרבעט האָט נישט קיין שום שייכות מיט די פרנסה וואָס ער גייט באַקומען.** ער איז פשוט אַריינגעגאַנגען אין אַן אַנדערן אַדרעס וואו ער האַקט האָלץ, און ער רעדט זיך איין אַז דאָס איז די סיבה פאַרוואָס ער האָט באַקומען עסן. אָבער באמת האָט עס בכלל נישט קיין שייכות איינס מיט'ן צווייטן.

## דער וועג צו פאַרטרייבן די פליגן

דער **בינת ישראל** ברענגט דאָרט וואָס עס שטייט אין מדרש (פרשת ויצא), אַז ווען יעקב אבינו האָט זיך געלייגט שלאָפן איז געווען '**מלאכי אלקים עולים ויורדים בו**' און נאָכדעם שטייט '**והנה ה' נצב עליו**'. זאָגט דער מדרש: **משל לבן מלכים שהיה ישן על גבי עריסה והיו זבובים שוכנים עליו** – אַ משל צו אַ קינד פונעם קעניג וואָס איז געשלאָפן אין זיין וויגעלע, און עס האָבן זיך דאָרט געדרייט פליגן אַרום אים. ס'איז געווען אומבאַ'טעמ'ט. **וכיון שבא מניקתו, שחתה עליו מניקתו וברחו מעליו.** - אָבער ווען ס'איז אָנגעקומען די וואָס זייגט אָן דאָס קינד, זענען אַלע פליגן אַנטלאָפן פון אים.

**כך בתחילה והנה מלאכי אלוקים עולים ויורדים בו, כיון שנתגלה עליו הקב"ה, ברחו מעליו.** אין אָנהויב זענען דאָרט געווען אַלע סאָרט מלאכים, מלאכי חבלה און מזיקים וועלכע האָבן זיך געדרייט אַרום יעקב אבינו. אָבער ווען ס'איז געווען והנה ה' נצב עליו, זענען אַלע שלעכטע פליגן אַוועקגעלאָפן און פאַרשוואונדן געוואָרן.

## והנה ה' נצב עליו – די פליגן אַנטלויפן

דער 'בינת ישראל' איז מסביר פשט אין דעם מדרש: **משל לבן מלכים שישן** – דאָס מיינט ווען איינער שלאָפט און ער כאַפּט נישט ווער ס'איז משגיח אויף אים און ווער ס'גיט אים זיין פרנסה. **והיו זבובים שוכנים עליו** – דאָס מיינט אַלע סאָרט פאַלשע דמיונות און לופטיגע רעיונות וואָס זענען מבלבל דעם מענטש: "טו אַזוי, טו אַזוי"... ס'דרייט זיך אים פייגעלעך אין קאָפּ אַז ער דאַרף בעטן יענעם און שאַפן פּראָטעקציע ביי אַ צווייטן. "אפשר וועט יענער מסכים זיין מיר צו געבן"... אַזוי פּלאָגט ער זיך צו אַרבעטן אָן קיין תכלית. ער שטופּט פון דאָ, ער פּרובירט פון דאָרט, און ער טוט אַלע סאָרט תחבולות. צומאָל טוט ער אפילו 'מעשי ערמה וגניבה'; אַמאָל נאַרט ער אָפּ אַנדערע, אָדער ער טוט אַנדערע סאָרט זאַכן וואָס זענען נישט אויסגעהאַלטן.

דער 'בינת ישראל' מערקט אָן, אַז צומאָל וועט דער מענטש אפילו זען אַז ער באַקומט טאַקע פרנסה דורך די אַלע זאַכן, ווי **חז"ל** זאָגן (ב"ר וירא) **ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו – זה זבובים שבביתו.** אַמאָל וועלן די פליגן משלים זיין מיט אים. ס'קען זיין אַז ס'וועט אים אפילו העלפן די אַלע פּראָטעקציעס און די אַלע פעולות וואָס ער טוט און דרייט.

אָבער **כיון שנתגלה עליו הקב"ה, ברחו מעליו.** - ווען ס'איז 'והנה ה' נצב עליו', ווען דער אויבערשטער באַלייכט די אויגן צו זען אַז נאָר דער כח ה' ברענגט אַלע השפעות, דעמאָלט אַנטלויפן אַלע פליגן! עס ווערן בטל אַלע פּלאָגענישן וואָס מען אַרבעט שווער, ווייל ס'איז דאָ אַ קלאָרקייט אַז אַלעס קומט פונעם אויבערשטן.

## זבת חלב ודבש – ס'רינט אָן קיין שום אָנשטרענגונג

דער 'בינת ישראל' לייגט צו אַ שיינע זאַך: ארץ ישראל ווערט אָנגערופן 'זבת חלב ודבש'. - די אָפּטייטש פון 'זבת' איז, אַז **עס רינט פון זיך אַליין, אָן קיין שום פּלאָג**, אַזוי ווי מ'זאָגט אויף איינעם: "עס רינט ביי אים געלט"... אַזאַ סאָרט השפעה וואו ס'רינט אויטאָמאַטיש זיסע און גוטע שפע, דאָס קען נאָר זיין אין ארץ ישראל. ווייל דאָרט איז אַ פּלאַץ וואָס 'עיני ה' אלקיך בה' – **ס'איז דאָ דאָרט אַ שטאַרקע קלאָרקייט אַז נאָר דער אויבערשטער שיקט די שפע**, דעריבער ווערט עס ממילא אַ 'זבת חלב ודבש'.

צוליב דעם זאָגן **חז"ל** 'עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות', ווייל לעתיד לבא וועט זיין 'מלאה הארץ דעה את ה', איבעראַל וועט זיין אַ גילוי אלוקות; **איבעראַל וועט מען אַנערקענען אַז אַלע שפע קומט פונעם אויבערשטן, דעריבער וועט איבעראַל זיין 'זבת חלב ודבש'!** ווייל אויף אַ פּלאַץ וואו ס'איז דאָ אַ קלאָרקייט אין אמונה, גיסן זיך השפעות אָן קיין אָנשטרענגונג. וויפיל מער דער מענטש גלייבט אַז זיין שפע איז בכלל נישט געוואָנדן אין זיין השתדלות, **אַזויפיל מער וועט די שפע טאַקע נישט זיין געבינדן צו זיינע פעולות.** ס'וועט אים קומען גרינגערהייט אָן קיין איבעריגע פּלאָג.

## וואָס ס'איז באַשערט, וועט זיכער קומען

געוויס איז אויך דאָ אַ מושג פון 'מזל'. טייל מענטשן זענען געבוירן אין אַ מזל פון עניות, און אַנדערע זענען געבוירן אין אַ מזל פון עשירות. ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס פאַר זיי איז נישט גוט אַז זיי זאָלן האָבן צופיל עשירות. ווען מ'זאָגט אַז מיט בטחון וועט זיין 'זבת חלב ודבש', מיינט דאָס נישט אַז ס'וועט קומען איבעריגע שפע וואָס איז נישט גוט פאַר'ן מענטש. '**זבת חלב ודבש' מיינט אַז ס'וועט קומען גרינגערהייט, אויטאָמאַטיש, אָן קיין פּלאָג.**

אַ מענטש דאַרף אַלעמאָל געדענקען אַז **ער וועט סיווי באַקומען נאָר וואָס ס'איז גוט פאַר אים.** דער אויבערשטער וועט דיר נישט געבן עפּעס וואָס ס'איז נישט גוט פאַר דיר. אָבער **פאַרוואָס זאָלסטו דאַרפן שלעפן און קוועטשן?** פאַרוואָס זאָלסטו דאַרפן שטיין דאָרט און זיך מוטשן צו מעלקן אַגאַנצן צייט? דו קענסט דאָך באַקומען די זעלבע זאַך אויף אַן אופן פון 'רינען' - זבת חלב ודבש!



# ועצת ה' היא תקום; מ'קען נישט באַקומען 'מער', מ'קען באַקומען 'גרינגער'

## ס'וועט בלייבן ביי פינף טויזנט...

לאָמיר נעמען אַ ביישפיל פון אַ מענטש וואָס אין הימל ווייסט מען אַז ער דאַרף האָבן פינף טויזנט דאָלער אַ חודש צו שפּייזן זיין פאַמיליע, און ער פאַרדינט טאַקע דאָס געלט. ביז אַ שיינעם טאָג איז דער מענטש מחליט: "איך וועל אַרבעטן

מער, איך וועל זיך פּלאָגן, איך וועל פּרובירן אַז ס'זאָל אָנקומען צו אַכט טויזנט דאָלער אַ חודש."

זאָגט אונז ר' שלמה'קע זוועהילער זצ"ל אַז **ער גייט זיכער נישט באַקומען מער ווי פינף טויזנט**, ווייל ער דאַרף נישט מער ווי פינף, און **קיינער קען נישט באַקומען מער וויפיל ער דאַרף האָבן!** נאר וואָס דען? דער מענטש האָט אַ בחירה צי די פינף טויזנט דאָלער זאָלן אים אָנקומען גרינגערהייט, אָדער קען ער אַרבעטן און האָרעווען ביטער שווער, און **ער וועט באַקומען די זעלבע פינף טויזנט דאָלער דורך אַ צווייטן וועג.** ס'וועט זיך פשוט אָפּשטעלן איין קראַן און ער וועט עס באַקומען פון אַ קראַן וואָס איז אַסאַך שווערער.

### דו האסט פאַרמאַכט דעם ערשטן קראַן...

מ'קען אַמאָל הערן מענטשן זאָגן: "זעסטו? ס'איז אַ נס אַז איך האָב געאַרבעט אַזוי שווער, ווייל פונקט האָט זיך אָפּגעשטעלט מיין אַנדערע קוואַל וואו איך פלעג באַקומען כך וכך... נאָך אַ מזל אַז ס'איז מיר איינגעפאַלן צו אַרבעטן אַזוי ביטער שווער, ווייל ווען נישט וואָלט איך געבליבן אָן גאָרנישט".

דער אמת איז אָבער, אַז **דו וואָלסט נישט געבליבן אָן גאָרנישט!** דו האסט מיט דיין שווערע אַרבעט פשוט פאַרמאַכט דעם גרינגערן קראַן. ווען מ'דאַרף אָנפילן אַ גלעזל וואַסער, און מ'הייבט אָן אַריינגיסן פון ביידע זייטן, וועט זיך עס איבערגיסן און אַלעס וועט נאַס און קאַליע ווערן... דעריבער האָט השי"ת אויסגעשטעלט אַז **ס'וועט שטענדיג בלייבן די זעלבע באַלאַנסירטע שפע!**

### מער אמונה, ווייניגער טרחא

אַ איד וואָס האָט די ריכטיגע אמונה, איז אַלעמאָל מתפלל אַז דער אויבערשטער זאָל אים פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג, אַז ער זאָל אויסנוצן זיין טאָג ווי ס'דאַרף צו זיין. און אויב ס'איז אים באַשערט צו דאַרפן אַרבעטן פאר פרנסה, זאָל עס זיין אויף אַ הייליגן און ערליכן אופן. **דער איד ווייסט אַז זיין השתדלות איז אַ חלק פון זיין עבודת ה'!** די פרנסה באַקומט מען דורך אמונה, דורך תורה ותפלה, אָבער ער איז אויך מחויב על פי תורה צו טון זיין אַרבעט, ווייל דאָס איז זיין אחריות און תפקיד, און דאָס איז אויך עבודת ה'. דעריבער איז ער מתפלל אַז ער זאָל שטענדיג געדענקען דעם אמת, אַז אַלעס קומט פון השי"ת.

## דו דאַרפסט נישט האַקן קיין האַלדז צו קענען דאָ עסן!

וויפיל מער דער מענטש וועט זיך מתבונן זיין אַז זיין פרנסה איז נישט געוואָנדן אין קיין שום אַרבעט אָדער השתדלות, און ס'מוז בכלל נישט קומען דוקא אויף דעם סאָרט אופן, **וועט זיין פרנסה טאַקע ווערן גרינגער און רואיגער!** ער וועט זען בחוש וויאַזוי די פרנסה קומט אָן צו אים לייכטער מיט אַסאַך ווייניגער קאָמפּליקאַציעס.

### דער סוד פון יעקב'ס עשירות

דער בינת ישראל זאָגט דאָרט, אַז יעקב אבינו האָט באַקומען זיין עשירות אויף **גאָר אַן אינטערעסאַנטן מהלך וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום נאַטירליכן הסבר.** ווען לבן האָט געזאָגט 'נקודים יהיה שכרך', זענען אַלע שאף געבוירן נקודים, און ווען לבן האָט געזאָגט 'עקודים יהיה שכרך' זענען אַלע געבוירן עקודים... אַזוי איז עס געגאַנגען אַהין און צוריק... יעקב אבינו איז געוואָרן אַ גרויסער עושר, אָן קיין שום מהלך וואָס איינער וואָלט געקענט פאָראויסזאָגן.

די סיבה דערצו איז ווי עס שטייט אין זוהר הק' (פרשת וירא): אַז **לויט ווי שטאַרק אַ מענטש איז דבוק אינעם אויבערשטן, אַזויפיל וועט דער אויבערשטער פירן זיין השגחה מיט אים.** ווער ס'איז אַלעמאָל דבוק צום רבוש"ע, איז דער אויבערשטער אַלעמאָל משגיח אויף אים בלי הפסק. יעקב אבינו האָט געהאַט אַ שטאַרקער בטחון אין דער הבטחה פון דעם אויבערשטן. ער איז געווען רואיג אפילו ווען לבן האָט אים אַוועקגענומען די פרנסה. **ס'איז אים נישט געווען קיין שום חילוק אויב ער וועט באַקומען זיין שפע דורך דעם וועג אָדער דורך אַן אַנדערן וועג,** ווייל ער האָט געוואוסט אַז דער רבוש"ע גיט אים פרנסה און ס'איז בכלל נישט געוואָנדן אין קיין השתדלות. דעריבער **האָט אים טאַקע דער אויבערשטער געגעבן זיין פרנסה מיט אַ געוואַלדיגןשפע** אויף אַזאַ וועג וואָס קיינעם וואָלט נישט איינפאַלן.

אַ איד קען אָנהויבן לעבן מיט דער אמונה אַז "מיין פרנסה קומט נישט פון דער השתדלות, נאר דערווייל דאַרף איך דאָס טון, ווייל זעט אויס אַז דאָס איז מיין תפקיד; אָבער מעגליך וועט מיר השי"ת וויזן אַז אפשר האָב איך אן אַנדערן תפקיד." וויפיל מער ער וועט דאָס טראַכטן, **וועט ער זיך נישט דערשרעקן אויב זיין מקור הפרנסה וועט זיך ענדיגן אינמיטן אַ טאָג,** ער וועט פאַרשטיין אַז דאָס איז נאָר אַ צינור, און ער וועט זען בחוש אַז ווען עס ענדיגט זיך דאָ, קומט עס פון דאָרט, און ווען עס ענדיגט זיך פון דאָרט, וועט עס קומען פון אַ דריטן פּלאַץ.

## אור העינים

### וראיתם אותו;

די מתנה וואָס מען באַקומט דורך שמירת עינים

יום ראשון פרשת שלח, י"ג סיון תשפ"ב

א

## זוכה ורואה פני השכינה; דורך מצוות ציצית הייבט מען אן קוקן מיט אַן אמת'ן בליק

### דער שכר פון ציצית - צו זען כביכול פני השכינה

אין מסכת **מנחות** (מג, ב) ברענגט די **גמרא** א מימרא פון רבי שמעון בן יוחאי: **כל הזריז במצות ציצית, זוכה ומקבל פני השכינה.** די גמרא לערנט דאס ארויס פון די פסוקים. אין פרשת שלח שטייט **'וראיתם אותו'**, און אין פרשת ואתחנן שטייט **'את ה' אלוקיך תירא ואותו תעבוד'**. פונקט ווי דאָרט מיינט 'אותו' די שכינה הק', אַזוי אויך מיינט 'וראיתם אותו' אַז מ'וועט כביכול זוכה זיין צו מקבל פנים זיין די שכינה, מיט אַ געוואַלדיגע קרבת אלקים.

דער **טור** אין הלכות ציצית (סימן כד) ברענגט אַראָפּ די מימרא פון רשב"י מיט אַביסל אן אַנדערן נוסח, אַז מ'איז זוכה צו 'זען' כביכול די פני השכינה: **רבן שמעון בן יוחאי אומר כל הזהיר בציצית זוכה ורואה פני שכינה.**

אין **ספרי** שטייט עס נאָכמער בפירוש: **רבי מאיר אומר, וראיתם 'אותם' לא נאמר.** לכאורה וואָלט געדאַרפט שטיין 'אותם', ווייל ציצית איז אַ לשון רבים. פאַרוואָס שטייט וראיתם 'אותו'?

**מגיד הכתוב שכל המקיים מצוות ציצית מעלה עליו כאילו הקביל פני שכינה.**

### זען די וועלט מיט אַ געטליכן בליק

וואָס מיינט דער שכר פון **זוכה ורואה פני שכינה?** דער פשוט'ער טייטש דערפון איז, אַז **עס זענען פאַרהאַן צוויי סאָרט וועגן וויאַזוי מ'קען אָנקוקן זאַכן אויף דער וועלט.** מ'קען זען אַלעס מיט אַ חיצוניות'דיגן בליק: "ער איז געגאַנגען, יענער איז געקומען, אַ דריטער האָט געזאָגט". מ'זעט בנינים, ביימער מיט גראָז, און מ'קוקט מיט אַן אויבערפלעכליכן בליק אויף דער גאַנצער בריאה.

דאַן איז דאָ דער טיפערער בליק, וואָס אַ מענטש קען זוכה זיין **צו זען דעם רבוש"ע אין אַלע זאַכן וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף דער וועלט.** ער זעט בחוש וויאַזוי דער אויבערשטער איז מחיה און פירט אַלעס.

די מצוה פון ציצית איז **אַ מצוה וואָס העלפט פאַר'ן מענטש צו קענען זען זאַכן מיט'ן ריכטיגן בליק.** דאָס איז אייגנטליך דער גרעסטער שכר וואָס אַ מענטש קען נאר באַקומען! ביז יעצט האָסטו געזען זאַכן קרום, דו האסט אָנגעקוקט די וועלט אויף אַן אומריכטיגן אופן, אָבער דורך מקיים זיין מצוות ציצית **וועסטו אָנהויבן זען זאַכן מיט אַן אמת'ן בליק,** און דאָס וועט דיר באַגלייטן אַגאַנץ לעבן. **ס'וועט דיר ליכטיג מאַכן!** ווילאַנג מ'זעט זאַכן אויף אַן אומריכטיגן אופן בלאָנדזשעט מען. מען מאַכט טעותים. אָבער ווען מ'זעט ריכטיג, איז עס אַ נייע וועלט.

### 'ציצית' מיינט 'קוקן'

דער **שפת אמת** (שלח תרנ"ב) ברענגט וואָס רש"י זאָגט אַז דאָס וואָרט 'ציצית' איז אַ לשון פון הסתכלות, ווי עס שטייט אין פּסוק 'מציץ מן החרכים'. דער נאָמען אַליין פון מצוות ציצית מיינט 'קוקן'. זאָגט דער שפת אמת, ווייל **דורך די מצוה קען מען זען און משיג זיין די נפלאות ה'.** מען באַקומט די מתנה פון ראיה דורך די מצוה פון ציצית.

עס שטייט פון **צדיקים** אַז מ'איז נאָר מחויב צו לייגן ציצית אויף אַ בגד פון ד' כנפות, ווייל ד' איז מרמז אויף דעם ד' פון דעם וואָרט **'אחד'.** דורך ציצית דערמאַנט מען זיך אַז דער רבוש"ע געפינט זיך אויף אַלע פיר זייטן. **דאָס איז די נשמה פון דער מצוה,** אַז מען באַקומט די מתנה פון ראיה. מ'קען זען אַלעס ריכטיג.

דער שפת אמת ברענגט וואָס די **גמרא** זאָגט (ברכות יד, ב) אַז איינער וואָס ליינט קריאת שמע אָן קיין תפילין איז ער 'כמעיד עדות שקר בעצמו', און דער **זוהר הק'** לייגט צו (מובא במג"א או"ח סימן כד סק"ג) אַז אויך איינער וואָס ליינט קריאת שמע אָן קיין ציצית איז ער 'כמעיד שקר'. וואָס איז פּשט דערפון? זייער פּשוט: **די מצוה פון ציצית העלפט דיר זען דעם 'שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד'!** אויב דו טוסט דיין חלק, דו ביזט מקיים די מצוה פון ציצית און דו זאָגסט שמע ישראל, וועסטו שפּעטער קענען זען וויאַזוי דער אויבערשטער פירט די וועלט. אָבער אויב דו זאָגסט שמע ישראל אָן קיין ציצית, וועסטו נישט מצליח זיין צו אמת'דיג דערהערן דעם 'שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד', דו וועסט נישט זען דעם רבוש"ע. **דו דאַרפסט אָנטון די ציצית אַז דאָס זאָל זיין אַ ריכטיגע עדות,** צו קענען זען וואָס די פּסוקים זאָגן.

## ◄ אותיות מחכימות ►

שפת אמת שלח תרנ"ב

מִצְוַת צִיצִית לְתַקֵּן הָרְאִיָּה כִּדְפֵירַשׁ רַשִׁ"י צִיצִית מִלָּשׁוֹן מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים, וְעַל-יְדֵי מִצְוָה זוֹ יְכוֹלִין לְהַבִּיט וּלְהַשִּׂיג נִפְלְאוֹת ה', וְלָכֵן בְּקְ"ש יֵשׁ מִצְוַת תְּפִלִּין וְצִיצִית, וְאִיתָא בַּגְּמָרָא הַקּוֹרֵא קְ"שׁ בְּלֹא תְּפִלִּין כְּמֵעִיד עֵדוּת שֶׁקֶר בְּעַצְמוֹ, וּבְרַעְיָא מְהֵימְנָא אִיתָא דְּגַם בְּלִי צִיצִית כְּמֵעִיד שֶׁקֶר, ע"ש בזוה"ק פָּרָשָׁה זוֹ.

וְהָעִנְיָן, דִּכְתִיב בְּעֵד 'אוֹ רָאָה אוֹ יָדָע' שֶׁיֵּשׁ עֵדוּת בִּרְאִיָּה אוֹ בִּידִיעָה, כִּי הָעֵדוּת שֶׁבְּנֵי יִשְׂרָאֵל מְעִידִין אֵינוֹ בַּפֶּה בִּלְבַד, רַק מַה שֶּׁכָּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל יָכוֹל לְהַשִּׂיג וְלִרְאוֹת וְלָדַעַת אוֹתוֹ יִתְבָּרֵךְ כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת, אָכֵן עַל-יְדֵי מִצְוֹת אֵלּוּ מוֹצִיאִין מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל בְּחִינַת רְאִיָּה וִידִיעָה הַנַּ"ל.

ב

# העבר עיני מראות שוא; די סייעתא דשמיא וואָס מען באַקומט נאָך דער מלחמה

### די לא תעשה פון מצות 'ציצית'

דאָס אַלעס איז אַ הקדמה וואָס עפנט אונז אַ נייע פענסטער צו דעם קומענדיגן פּסוק: **ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם - למען תזכרו ועשיתם את כל מצוותי.**

דאָס הייסט אַזוי: די מצוה פון ציצית פאַרמאָגט צוויי חלקים: ס'איז דאָ דער חלק פון **מצות עשה,** וואָס דער מענטש זאָל יאָ טון, און דעמאָלט וועט ער באַקומען אַ געוואַלדיגע שכר וואָס ווערט אָנגערופן 'ציצית' - צו זיין אַ רואה פני שכינה. און ס'איז דאָ דער חלק פון **מצוות לא תעשה.** אויב דו גייסט חלילה נכשל ווערן אין דעם 'ולא תתורו', וועסטו פאַרלירן דעם שכר, און דו וועסט נישט האָבן די סייעתא דשמיא צו זיין אַ 'זוכה ורואה פני השכינה'.

### צוויי מענטשן, צוויי וועלטן...

די פּרשה פון ציצית איז געבויעט מיט זייער אַ קלאָרן סדר. דער אויבערשטער זאָגט פאַר משה רבינו: איך לייג אַריין אידישע קינדער אין אַ גשמיות'דיגע וועלט - וואָס אין דער וועלט, **אויב מ'וועט קוקן אויף זאַכן מיט אַ חיצוניות'דיגן בליק וועט מען אַלעס זען פאַרקערט ווי דער אמת.**

דוגמא לדבר: אין **חובת הלבבות** שטייט אַז השתדלות - אפילו ווען ס'איז מותר - **טוט גאָרנישט אויף.** אַ מענטש וואָס קוקט מיט אַן אויבערפלעכליכן בליק, און ער זעט אַלעס חיצוניות'דיג, וועט זאָגן: "איך פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט, **איך זע קלאָר ווי דער טאָג אַז השתדלות העלפט.** איך זע קלאָר אַז מ'דאַרף גיין מיט כח - נאר אַזוי קען מען מצליח זיין. מ'דאַרף שטופּן און שטופּן. דאָס ברענגט תוצאות"...

> **אויב מ'וועט קוקן אויף זאַכן מיט אַ חיצוניות'דיגן בליק וועט מען אַלעס זען פאַרקערט ווי דער אמת**

נעבן אים שטייט אַ צווייטער וואָס קוקט אויף דער וועלט מיט אַן אמת'ע בליק און ער זאָגט: "איך פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט, **איך זע קלאָר ווי דער טאָג אַז השתדלות העלפט גאָרנישט.** אפילו ווען מען מעג טון השתדלות און אפילו ווען מ'דאַרף עס טון, איז דאָס בלויז צוליב פאַרשידענע הימלישע חשבונות, אָבער למעשה זע איך קלאָר אַז ס'העלפט נישט. איך קוק שוין לאַנגע יאָרן וויאַזוי זאַכן גייען. **השתדלות איז ממש שטותים מיט הבלים!** תפלה העלפט, תורה העלפט, גמילת חסד העלפט, ברכת המזון ברענגט שפע, כיבוד אב ואם ברענגט שפע. אָה, די זאַכן קען מען זען בחוש אַז ס'העלפט, **אָבער אַלע אַנדערע השתדלות?** מ'דרייט זיך און מ'דרייט זיך און עס פּאַסירט גאָרנישט."

מיר האָבן דאָ אַ ויכוח צווישן צוויי מענטשן.

איינער זאָגט אַז ער זעט בחוש ווי ס'העלפט יאָ, און איינער זאָגט אַז ער זעט בחוש ווי ס'העלפט נישט... וואָס איז דער חילוק צווישן זיי? דער חילוק איז, **איינער האָט פאַרפּאַטשקעט זיין כח הראיה**, און ער זעט נישט ריכטיג. און דער אַנדערער האָט אַכטונג געגעבן אויף זיין כח הראיה, **האָט ער באַקומען דעם שכר וואָס ווערט אָנגערופן 'מצוות ציצית'**. ער האָט באַקומען די מתנה צו קענען זען און משיג זיין די נפלאות ה'. זיינע אויגן זענען אָפּן.

## ציצית דערמאַנט אַז מיר זענען עבדי ה'

ביי דער פרשה פון ציצית איז דאָ אַ הבטחה אַז אויב דער איד איז מקיים די מצוה בשלימות דעמאָלט וועט זיין **'למען תזכרו ועשיתם את כל מצוותי'**. מצוות ציצית מיינט נישט בלויז אַרויפצולייגן ד' כנפות אויפ'ן בגד. נאָר ס'מיינט אויך אַז **מ'זאָל זיך מתבונן זיין אין דער כוונה פון דער מצוה**, אַז מיר זענען עבדים פאַר'ן רבוש"ע, ווי דער **אור החיים הק'** זאָגט אַז ציצית איז אַ 'סימן עבדות' וואָס באַגלייט אונז שטענדיג, ווייל דער גוף פונעם מענטש שלעפט אים נאָכצוגיין זאַכן וואָס זענען זיס פאַר'ן גוף, און די איינציגע מיטל וואָס אַרבעט קעגן דעם איז **ווען דער מענטש דערמאַנט זיך אַז ער איז אַן עבד פאַר'ן רבוש"ע**. דאָס העלפט אים געדענקען אַז ער זאָל נישט נאָכגיין די אַלע זאַכן וואָס זענען זיס פאַר'ן גוף.

**חז"ל** זאָגן (מנחות מג, ב) אַז תכלת איז דומה לים, ים לרקיע, ורקיע לכסא הכבוד. ציצית דערמאַנט פון דעם כסא הכבוד. **ציצית העלפט אַז מ'זאָל קוקן אויף דער וועלט מיט'ן ריכטיגן בליק**. דאָס איז די נשמה פון מצוות ציצית. אַזוי שטייט אויך אין **זוהר הק'** אַז די תכלת פון ציצית איז 'דין' און די ווייסע פון די ציצית איז 'רחמים'. **ווען אַ מענטש קוקט אויף די ציצית האָט ער אַן עבודה זיך צו דערמאָנען** אַז אויב מ'פירט זיך נישט ערליך, דעמאָלט איז דאָ אַ הנהגה פון דין; ס'הערט אויף קומען שפע, און ס'איז דאָ עונשים חלילה. אָבער אויב מען פירט זיך יאָ ריכטיג, שיקט דער אויבערשטער אַלע גוטע זאַכן, מיט שפע ברכה והצלחה.

## דער שכר פון ציצית - וראיתם אותו וזכרתם

דאָס איז די מצוה פון ציצית, אַז דו זאָלסט אַרבעטן **צו קוקן מיט אַ פנימיות'דיגן בליק אויף זאַכן**. טו זיך אָן אַ בגד פון ארבע כנפות; זיי זיך מתבונן אין די חוטים און די קשרים וואָס זענען מרמז אויף די תרי"ג מצוות; זיי זיך מתבונן אַז דו ביזט אַן עבד פאַר'ן רבוש"ע; און **דערמאָן זיך אַז ס'איז דאָ אַ טיפערע בליק צו דער וועלט**.

דער **'שכר מצוה'** דערפון וועט זיין אַז דער רבוש"ע וועט דיר געבן אַ מתנה, **אַז דו וועסט טאַקע קענען זען זאַכן ריכטיג!** דו וועסט אָנהויבן קוקן מיט אַ פנימיות'דיגן בליק אויף דער וועלט. דער חיצוניות'דיגער בליק אויף זאַכן וועט זיין ביי דיר אויסגעלאָשן, **ס'וועט אויטאָמאַטיש זיין פאַר'מיאוס'ט ביי דיר**. דו וועסט עס אפילו נישט קענען מסביר זיין פאַרוואָס די זאַכן באַנעמען דיר נישט, און פאַרוואָס די חיצוניות ברענגט דיר נישט קיין התרגשות. אַנשטאָט וועסטו אָנהויבן באַמערקן די זאַכן וואָס מ'דאַרף יאָ קענען זען. **דו וועסט קענען פאַרשטיין אַ דערהער אין עבודת ה'. דו וועסט קענען אָפּטיילן צווישן אמת און קשר, צווישן עיקר און טפל.** דאָס איז אַ מתנה וואָס דער אויבערשטער גיט פון אויבן.

## אויב דער מענטש טוט זיינס, באַקומט ער פון הימל

דער **תפארת שלמה** (פרשת נשא) זאָגט, אַז אין יעדע מצוה זענען דאָ צוויי חלקים. ס'איז דאָ דער חלק החיוב **וואָס ליגט אויפ'ן מענטש**, און נאָכדעם איז דאָ דער חלק **וואָס דער אויבערשטער גיט צוריק פון אויבן**.

למשל ביי מצוות ציצית, איז דאָ דער חלק וואָס דער מענטש דאַרף אַליין טון. סור מרע - צו אַכטונג געבן אויף זיינע אויגן. און עשה טוב - צו קוקן אויף וואָס ער דאַרף יאָ קוקן. שפּעטער איז דאָ דער חלק וואָס דער אויבערשטער צאָלט צוריק. **ס'קומט אַ ספּעציעלע סייעתא דשמיא פון אויבן** אַז ער הייבט אָן זען נאָך זאַכן און נאָך השגות וואָס ער האָט נישט געהאַט ביז יעצט.

די זעלבע זאַך איז לגבי תורה. צוערשט איז דער מענטש זוכה צו קענען זיצן און לערנען, דאָס איז דער ערשטער חלק וואָס ער דאַרף טון, ווייל 'הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים'. אויב ער טוט די זאַכן ריכטיג, דעמאָלט וועט אים דער אויבערשטער געבן אַז **ער וועט פאַרשטיין נאָך אַסאַך מער פון וויפיל ער האָט בכלל געטראַכט אַז ער קען פאַרשטיין**. ער וועט באַקומען אַ השגה אויך אין אַנדערע חלקים פון תורה!

## אַריינמאַרשירן ווייטער פונעם גרעניץ

משל למה הדבר דומה: ווען ס'איז דאָ אַ מלחמה צווישן צוויי לענדער, און איין מיליטער האָט מצליח געווען דורכצוברעכן דעם מויער פון דעם אַנדערן לאַנד, **איז נאָכנישט גענוג אויב מען בלייבט יעצט שטיין ביים גרעניץ**. נאָר איינמאָל דער גרעניץ איז איינגענומען, קען מען אַריינמאַרשירן און איבערנעמען די אינעווייניגסטע שטחים! יעצט קען מען באַקומען די הייזער מיט די פאַרמעגנס וואָס געפינען זיך אינעווייניג. **דער עיקר מלחמה איז טאַקע געווען אויפ'ן גרעניץ, אָבער די ריכטיגע רווחים באַקומט מען ערשט נאָכ'ן אַריינגיין אינעווייניג.**

דאָס זעלבע איז ביי דער מצוה פון ציצית. די עיקר מלחמה וואָס ליגט אויפ'ן מענטש איז דער חלק פון 'קום ועשה' - אָנצוטון ציצית, און דער חלק פון 'שב ואל תעשה' - אָפּצוהיטן דעם 'ולא תתורו'. דאָס איז אַ ריזיגע מלחמה. **אָבער נאָכדעם איז מען זוכה צו אַ געוואַלדיגע סייעתא דשמיא**, נישט בלויז צו מצליח זיין אויף די צוויי אויבנדערמאַנטע זאַכן, נאָר אויב דו גייסט אַרבעטן צו מאַכן גדרים וסייגים און דו גייסט מתפלל זיין צום אויבערשטן, וועט השי"ת דיר העלפן מיט אַ סייעתא דשמיא, אַז דו וועסט באַקומען דעם שכר פון מצוות ציצית: **דו וועסט זען זאַכן מיט אַ פנימיות'דיגן אינערליכן בליק!**

## אָן קיין סייעתא דשמיא זעט מען קרום

דאָס איז אַ מורא'דיגע מתנה, ווייל ווען מענטשן זעען זאַכן אומריכטיג, **טוען זיי אַלעס קרום**. ווען זיי ווילן מחנך זיין די קינדער, מאַכן זיי קרומע החלטות. ווען זיי ווילן ענדיגן אַ שידוך, מאַכן זיי נאַרישע החלטות. ווען זיי ווילן נעמען אַ פרנסה, קוקן זיי אויף די נישט ריכטיגע זאַכן. אַלע ערליי החלטות אין לעבן זענען זיי אויף אַ קרומען וועג. **מ'דאַרף דעריבער האָבן אַ סייעתא דשמיא אַז דער אויבערשטער זאָל עפענען אונזערע אויגן.** און דער אויבערשטער זאָגט אונז: דו זאָלסט טון דיין חלק השתדלות צו אַכטונג געבן אויף די אויגן, און איך וועל דיר העלפן זען זאַכן מיט'ן ריכטיגן בליק.

דוד המלך בעט זיך אין תהלים: **העבר עיני מראות שוא**. דאָס וואָרט 'שוא' מיינט אַ פּוסטע, אויבערפלעכליכע, און נישט אמת'ע בליק. ער האָט מתפלל געווען אַז דער אויבערשטער זאָל אים העלפן נישט צו זען זאַכן קרום, ווייל **אָן קיין סייעתא דשמיא זעט דער מענטש אומריכטיג**.

## מיר זענען קריטיש אָנגעוויזן אויף הילף

קיינער קען זיך נישט איינרעדן פאַר איין סעקונדע אַז ער איז קלוג און ער איז דורכגעטראַכט, און ער קען זען יאָ זען די וועלט מיט אַ ריכטיגן בליק. **ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך**. איינער וואָס טראַכט אַזוי, דאַרף וואַרשיינליך אויך אַרבעטן אויף דעם חלק פון 'ולא תתורו אחרי לבבכם זו מינות', ווייל ער רעדט זיך איין אַז ער אַליין איז שטאַרקער פון דער גשמיות'דיגער ראיה וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. אָבער **אייגנטליך איז דער גשמיות'דיגער בליק פון דער וועלט זייער שרעקעדיג!** ס'קוקט אויס גאָר אמת'דיג און מ'דאַרף האָבן אַ געוואַלדיגע סייעתא דשמיא אַז מ'זאָל מצליח זיין צו זען זאַכן מיט אַ רוחניות'דיגן בליק. **דאָס גייט נישט פאַסירן אויטאָמאַטיש. זיכער נישט!** אויב דוד המלך האָט געוויינט 'העבר עיני מראות שוא' ביזטו דען שטאַרקער פון אים?

איינער וואָס טראַכט: "איך בין ב"ה אַ בעל כשרון, איך קען זען זאַכן קלאָר און מאַכן גוטע

ציצית העלפט אַז מ'זאָל קוקן אויף דער וועלט מיט'ן ריכטיגן בליק

החלטות"... איז נישט פאַרהאַן קיין גרעסערער שקר דערפון. **מיר זענען דאָך אַזוי אָנגעוויזן אַז דער אויבערשטער זאל אונז העלפן צו זען אויפריכטיג.** און דער רבוש"ע זאָגט: "אויב דו וועסט זיך שלאָגן אויפ'ן פראָנט, אויב דו וועסט זיך קריגן צו מאַכן גדרים וסייגים מיט תפלה, דעמאָלט וועל איך דיר העלפן בשכר זה, אַז איך וועל דיר געבן דעם כח צו קענען קוקן אויף זאַכן ריכטיג מיט אַ פנימיות'דיגן בליק."

ג

# תנה בני לבך לי ועיניך; דאָס גאַנצע אידישקייט איז אָנגעהאָנגען אויף די אויגן

## פאַרוואָס איז דאָ אַזאַ מלחמה אויף שמירת עינים?

**חז"ל** זאָגן (נדרים כה, א): **'שקולה מצות ציצית כנגד כל מצוות התורה'.** דאָס איז אַ כלליות'דיגע מצוה וואָס איז משפיע אַז דער מענטש זאָל קענען זען אַלע מצוות מיט'ן ריכטיגן בליק. אַצינד פאַרשטייט מען פאַרוואָס ס'איז דאָ אַזאַ גרויסע מלחמה אַרום דעם ענין.

ווען אַ מענטש האָט נישט קיין ברילן קען ער נישט זען זאַכן ריכטיג, ער זעט יעדע זאַך אומקלאָר. אָבער ווען דער אויבערשטער העלפט אים און ער האָט סייעתא דשמיא, עפנט זיך זיינע אויגן און ער הייבט אן זען און פאַרשטיין זאַכן אויפ'ן ריכטיגן אופן. דאָס האָט נישט נאר מיט איין ספעציפישן פרט, נאר ס'איז אַ כלליות'דיגע מתנה פאַר'ן גאַנצן לעבן. **אודאי פירט דער יצר הרע אַ מורא'דיגע מלחמה דערקעגן!** אָבער מען טאָר זיך נישט דערשרעקן פון דער מלחמה. אדרבה, **וויפיל שטאַרקער דער יצר הרע, אַזויפיל שטאַרקער איז דער אויבערשטער גרייט צו העלפן** דעם איד וואָס פרובירט אריינצואַרבעטן און צו מתפלל זיין. דער אויבערשטער וועט אים העלפן און וועט אים געבן סייעתא דשמיא, און דעמאָלט וואַרטן פאַר אים מורא'דיגע אוצרות!

אָט די תפלה וואָס אַ מענטש דאַוונט, אַז דער אויבערשטער זאָל אים העלפן אַז ער זאָל קענען אַכטונג געבן אויף די אויגן, **דאָס איז נישט סתם אַ תפלה,** כאילו ער דאַוונט אויף אַסאַך זאַכן און ער דאַוונט אויף דעם 'אויך'. **מ'דאַרף פאַרשטיין אַז דאָס איז אַ תפלה כלליות אויפ'ן גאַנצן רוחניות!** ווייל אין שמירת עינים איז אָנגעהאָנגען אַז מ'זאָל קענען ריכטיג דערהערן און זען אַלעס וואָס מען טוט. דער אור פון ציצית איז אַ געוואַלדיגע ליכטיגקייט, און ווען אַ מענטש גיט אַכטונג זיינע אויגן וועט אים דער אויבערשטער העלפן אַז ער זאָל זען ריכטיג אַלעס!

## פירן אַ אידישע שטוב מיט'ן ריכטיגן בליק

דער חלק 'מצוות עשה' פון ציצית איז טאַקע געגעבן געוואָרן נאר פאר אנשים, ווייל ס'איז אַ מצוות עשה שהזמן גרמא. לילה לאו זמן ציצית. אָבער דער חלק 'לא תעשה' פון מצוות ציצית, **דער חלק פון 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם', איז אויך געגעבן געוואָרן פאַר נשים!** דאָס איז זייער שייכות מיט מצוות ציצית. דער אויבערשטער זאָגט אַז זיי דאַרפן זיך אויך אַכטונג געבן דערויף.

אינעם היינטיגן דור דאַרף מען דאָך האָבן אַ געוואַלדיגע סייעתא דשמיא צו קענען מגדל זיין ערליכע קינדער, און צו קענען פירן אַ אידישע שטוב. אויב מ'האָט אַ חיצוניות'דיגע בליק אויף זאַכן און מ'ווערט נשפע דערפון, איז דאָ אַן 'עין רואה ולב חומד'. **דעמאָלט קען מען נישט זען גאָרנישט ריכטיג.** מ'זעט זאַכן קרום, מ'האָט נישט די ליכטיגקייט צו קענען פאַרשטיין זאַכן מיט אַן אמת'ן בליק.

## זיך שלאָגן אויףביידע פראָנטן

ווי געזאָגט, זענען פאַרהאַן צוויי חלקים ביי דער מצוה פון 'ציצית'. ס'איז דאָ דער חלק פון 'ולא תתורו' - דאָס איז די דרויסנדיגע מלחמה פון מכשולות און איסורים, וואָס **דאָרט פירט די סטרא אחרא דער עיקר מלחמה.** ווען דער יצר הרע קריגט זיך מיט אַ מענטש זוכט ער נישט בלויז אַז דער מענטש זאָל נישט קענען אַריינגיין טיפער אין דער קדושה, נאָר ער וויל אַז דער מענטש זאל נאָך פאַלן אויף צוריק הונדערט טרעפ, ער וויל אים אַראָפוואַרפן אַלע טרעפ אַז ער זאָל זיך צעבלוטיגן און ווערן אַ בעל מום חלילה.

אָבער ס'איז דאָ נאָך אַ חלק: דער חלק פון 'וראיתם אותו וזכרתם' - ווען דער איד איז לוחם נישט בלויז אַז ער זאָל נישט נכשל ווערן, **נאר ער קריגט זיך צו קענען אַריינגיין אין דער קדושה.** ער וויל קענען משיג זיין און שפירן אַז ס'איז דאָ אַ רבוש"ע. **דאָס באַלאַנגט פאר נשים פונקט ווי פאַר אנשים.** ווען אַ איד אַרבעט צו זען דעם רבוש"ע סיי מיט דעם חלק פון 'ולא תתורו' און סיי מיט דעם חלק פון 'זען דעם אמת פון תורה', **וועט אים דער אויבערשטער עפענען די אויגן.** אויב ער וועט מער אריינארבעטן אין דער מצוה פון ציצית, סיי מיט'ן חלק פון 'קום ועשה', און סיי מיט'ן חלק פון 'שב ואל תעשה', וועט אים דער אויבערשטער געבן אַ מתנה אַז ער וועט האָבן אַ ריכטיגע הסתכלות אויף זאַכן.

> טאַקע וויבאַלד ס'איז אַזאַ גרויסע מלחמה, העלפט דער אויבערשטער זייער שטאַרק פאַר אַ מענטש וואָס איז לוחם

## אַלעמאָל מתפלל זיין אויף שמירת עינים

דעריבער איז טאַקע אַלעמאָל געווען רגיל על לשונם פון ערליכע אידן אַז **מען דאַרף שטענדיג דאַוונען אויף שמירת עינים.** ווייל אין אָפגעהיטענע אויגן ליגט דאָך די גאַנצע הצלחה פונעם מענטש און **מ'קען נישט דורכלאָזן אַ טאָג אָדער אַ תפלה וואָס מ'דאַוונט נישט דערויף.**

עס האָט דערציילט אַ זון פון הגה"ח רבי בנימין זאב חשין זצ"ל (מחשובי משפיעי ברסלב בדור הקודם) אַז ער האָט אַמאָל באַמערקט אינמיטן די נאַכט וואו זיין טאַטע שעפשעט עפעס אין זיין שלאָף. ווען ער האָט זיך צוגעבויגן האָט ער געהערט ווי ר' וועלוול חזר'ט איבער דעם פסוק "**העבר עיני מראות שוא**"... ער איז געווען אַזוי שטאַרק צוגעוואוינט צו בעטן די תפלה, אַז אפילו אינמיטן שלאָף איז עס אַרויסגעקומען פון אים אומוויסנדיג... ווען מ'פאַרשטייט די חשיבות דערפון, דערהערט מען ווי שטאַרק מ'דאַרף אריינארבעטן אין דעם ענין, ווייל דאָס העלפט פאַר'ן מענטש אין אַלע זיינע וועגן.

## אַלעס איז געוואָנדן אין די אויגן

מ'דאַרף דאָס גוט געדענקען: אויב חז"ל זאָגן אַז די מצוה איז אַ כלליות'דיגע מצוה, און אויב די תורה זאָגט אַז דורך די מצוה קומט מען אָן צו 'וזכרתם את כל מצוות ה'', באַדייט דאָס אַז **די גאַנצע הצלחה פונעם מענטש איז געוואָנדן אין דער מצוה פון ולא תתורו!**

אויב אַ מענטש ווייסט אַז דער מצב מיט זיין שמירת עינים טויג נישט, קען ער זיך נישט באַרואיגן: "ברוך ה' אַז איך האָב אַ קביעות עתים לתורה, איך טו מצוות, איך טייל אַסאַך צדקה, איך בין עוסק אין חסד... מיין שמירת עינים מעג טאַקע זיין בעסער, אָבער למעשה טו איך אַנדערע גוטע זאַכן"... **דאָס אַרבעט נישט אַזוי!** ווייל ווילאַנג די אויגן זענען נישט מסודר, איז פשט דערפון אַז דער מענטש שטייט פון אינדרויסן. אפילו ווען ער טוט מצוות מעשיות, איז דאָס פון אינדרויסן. זיין קרבת אלקים דאַרף אַ גרויסע ישועה. זיין 'והאר עינינו' דאַרף אַ ישועה.

## תפלה אויף רוחניות העלפט!

יעצט זאָל מען נישט זאָגן צוליב דעם: "האסט מיר אינגאַנצן צעבראָכן... אויב אַזוי בין איך גאָרנישט ווערד. איך פאַרמאַך דעם שיעור"... ניין ניין, **יעצט ווייסטו וואָס פאַרא סאָרט צוגאַנג דו דאַרפסט דאַווענען דערויף.** יעצט פאַרשטייסטו מיט וואָספאַרא צעבראָכן האַרץ דו זאָלסט דאַווענען אויף שמירת עינים. און **דער אויבערשטער גייט אויסהערן דיינע תפלות!** אַ איד וואָס דאַוונט אויף רוחניות מיט אן ערנסטקייט, וועט דער אויבערשטער הערן זיינע תפלות. נאָכדעם וועסטו זען ווי עס עפנט זיך פאר דיר נייע וועלטן. דו וועסט נישט אויפהערן דאַנקן אויף דעם נס אַז דו ביזט נישט געבליבן חיצוניות'דיג. ווייל מ'קען חלילה בלייבן אַגאַנץ לעבן אינדרויסן אויב מ'איז נישט לוחם דערויף מיט אַ שטאַרקייט.

צומאָל איז דער יצר הרע אפילו מסכים: "דו לערן ווייטער מיט התמדה... טו ווייטער מצוות... אבי לגבי דעם ענין זאָלסטו בלייבן מיט מיר. שטיימער גוט... איך וועל זיך נישט קריגן מיט דיר אויף אַנדערע זאַכן. איך וועל דיר לאָזן".

אַזוי שטייט אין **ירושלמי** (ברכות פ"א ה"ה): **תנה בני לבך לי ועיניך דרכי תצרנה - אמר הקבּ"ה, אי יהבת לי לבך ועיניך, אנא ידע דאת לי.** דער רבוש"ע זאָגט אויב דו גיסט מיר דיינע אויגן מיט דיין האַרץ ווייס איך אַז דו ביזט מיינס. **ומכלל הן אתה שומע לאו.** ס'איז אַ גרויסע מלחמה. ס'איז גאָר אַ גרויסע מלחמה! אָבער מ'זאָל וויסן אַז **טאַקע וויבאַלד ס'איז אַזאַ גרויסע מלחמה, העלפט דער אויבערשטער זייער שטאַרק פאר אַ מענטש וואָס איז לוחם.** ס'איז אַ מלחמה וואָס איז אויף די עיקרי הדת, און ווען אַ מענטש קריגט זיך שטאַרק, ווייזט אים דער אויבערשטער זייער גרויסע זאַכן. דאָס איז די סגולה פון מצוות ציצית אַז השי"ת ווייזט דיר אַז ער געפינט זיך דאָ.

## נקודה למחשבה

# פרייליכע מוזיק אין דער קאַר...

עס איז דאָ דער באַקאַנטער גליון **'טהור עינים'**, וואָס איז 'אַ ברכה צו מאַכן'... אַ גליון צו העלפן אידישע קינדער זיך שטאַרקן אין שמירת עינים. עס ווערט דאָרט געברענגט אַ מעשה, איבערגעגעבן פערזענליך דורך דעם בעל העובדא.

אַ יונגערמאַן פאַרציילט, אַז איינמאָל זיצנדיג אין זיין קאַר, איז ער דורכגעפאָרן אַ גוי'אישע גאס וואו ס'איז דאָ שטאַרקע נסיונות אין שמירת עינים, און ער האָט שווער געאַרבעט נישט דורכצופאַלן. ב"ה אַז ער איז טאַקע דורכגעגאַנגען דאָס פלאַץ אָן קיין מכשולות. דאַן האָט דער יונגערמאַן זיך דערמאַנט וואָס דער הייליגער **בית אהרן** האָט געזאָגט, אַז **ווען אַ איד גייט דורך די גאס און ער איז נישט נכשל געוואָרן, דאַרף ער אַרויסנעמען אַ פידל און שפילן 'ארוממך'...** ארוממך ה' כי דליתנו! אַ איד דאַרף זיין אַזוי בשמחה אַז ער האָט זיך געשטאַרקט אויף אַ נסיון אין גאס, אַז אַהיימקומענדיג דאַרף ער פשוט זינגען און דאַנקן מיט אַ מורא'דיגע הודאה להשי"ת.

דער יונגערמאַן האָט אַריינגעטראַכט אַז ב"ה ער איז דורכגעגאַנגען דעם פייער און ער איז נישט נכשל געוואָרן. פונקט האָט געשפילט אין זיין קאַר מוזיק מיט ניגונים פון הודאה, ווי 'כי לך טוב להודות' א.ד.ג. האָט ער זיך צעפלאַקערט און **ער האָט אָנגעהויבן מיטזינגען אויפ'ן קול.** ער דרוקט זיך אויס: "די גאַנצע קאַר האָט מיטגעאַרבעט..." ער איז געווען אין אַ דביקות מיט'ן אויבערשטן, ער האָט געדאַנקט און געלויבט: "רבוש"ע, דו האסט מיר געהאָלפן! איך בין דורכגעגאַנגען אַזאַ פלאַץ און כ'בין נישט נכשל געוואָרן!" - אַזוי האָט ער פאר פינף מינוט געזינגען און געדאַנקט.

ווען דער ניגון האָט זיך געענדיגט און די קאַר איז שטיל געוואָרן, האָט זיין טעלעפאָן געקלינגען. זיין באַלעבאָס איז געווען אויף דער ליניע און ער זאָגט אים: "איך האָב געטראַכט דיר פאָרצושלאָגן, **אפשר ווילסטו נעמען אַ העכערע פאָזיציע אין דער ביזנעס, צו ווערן אַ מענעדזשער פון אַ גאַנצע אָפּטיילונג?** דו וועסט האָבן מער מענטשן אונטער דיר, און דאָס באַדייט אַז דיין געהאַלט וועט זיין **דריי מאָל אַזויפיל**"...

דער יונגערמאַן איז געוואָרן אויסער זיך פון התרגשות, זעענדיג אַזאַ אָפענע הארת פנים פון הימל אויף זיין שמירת עינים, און דער באַלעבאָס זאָגט אים ווייטער: "איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, **פונקט פינף מינוט צוריק איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק אַז איך זאָל דיר העכערן די פאָזיציע...** האָב איך געטראַכט אַז איך וואַרט נישט, איך טו גלייך למעשה, איך רוף דיר אן פרעגן, ווילסט עס אָננעמען?"...

דער הויפט לימוד פון דער מעשה איז נישט, אַז ווען מ'גיט אַכטונג אויף די אויגן באַקומט מען שפע. **דאָס איז דאָך אַ דבר פשוט!** איינער וואָס היט זיך אָפּ פון עבירות, שיקט אים דער אויבערשטער וואָס ער דאַרף, אַזוי אַרבעט דער סדר פון שפע.

דער עיקר לימוד פון דער מעשה איז, אַז דער איד האָט זוכה געווען דורך מצוות ציצית, **אַז ער האָט אָפן געזען דעם רבוש"ע!** מ'קען דאָס זען בחוש אפילו היינטיגע צייטן. ס'איז דאָ אַזויפיל מעשיות פון מענטשן וואָס האָבן זיך געמאַכט אַ גדר וסייג וואָס איז נישט געווען גרינג, אָבער **נאָכדעם באַקומען זיי אַ ספּעציעלע מתנה אַז דער אויבערשטער באַווייזט זיך צו זיי.** ווי דער **שפת אמת** זאָגט, אַז דאָס איז די מתנה פון ציצית - דער רבוש"ע באַווייזט זיך פאַר'ן מענטש!

פטרון החודש

נתנדב על ידי
מו"ה החפץ בעילום שם הי"ו
לעילוי נשמת
הרה"ק ר' משה לייב מסאסוב זי"ע
לזכות ברכה והצלחה בכל העניינים

פטרון הפצה

נתנדב לעילוי נשמת
האשה החשובה
מרת אלטע אסתר יכט בת ר' זאב ע"ה
נלב"ע כ"ג סיון
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

קול הבינני

ארה"ב 718. 686. 8300
א"י 072. 257. 7726
בריטניה 0333. 070. 6585
בלגיה 0480. 20. 16. 18

לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini. com

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק: ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62, ביהמ"ד קראסנא לאקער #166, ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה, ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה, The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג: ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213, ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58Central Market, ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל, ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי: ביהמ"ד וויואל משה סאטמאר לאקער 40, ביהמ"ד סאטמאר 13 לאקער 25, ביהמ"ד הגדול וויזניץ לאקער 219, ביהמ"ד ווילעדניק, ביהמ"ד נצח ישראל פארשעי, ביהמ"ד סטאלין, ביהמ"ד ראדאשיץ עירמאנט, ביהמ"ד סאטמאר בנין שיף

קרית יואל: ביהמ"ד אהל פיגא, ביהמ"ד בית אלעזר, ביהמ"ד בית מנחם זאב, ביהמ"ד ישמח משה, ביהמ"ד אבני צדק, ביהמ"ד רב טוב, ביהמ"ד בית דוב

לאנדאן: ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42, ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקאר 25, ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33, ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד, ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"